# דער קונצנמאַכער

אין אַ וואָלינער שטעטל אַרײַן איז אַמאָל געקומען אַ קונצנמאַכער.

און כאָטש עס איז געווען אין דער פֿאַרדאַגהטער פֿאַר־פּסח־צײַט, ווען אַ ייִד האָט מער זאָרג ווי האָר אויפֿן קאָפּ, האָט דאָך זײַן אָנקומען אַ גרויסן רושם געמאַכט: אַ רעטעניש פֿון אַ מענטש! קרוע־בלוא, מיט אַ צילינדער, אַפֿילו אַ צעקנייטשטן, אויפֿן קאָפּ, אַ ייִדיש פּנים — דער צלם־אלקים פֿליט אים איבער דער נאָז, און — אַ געגאָלטע באָרד! און קיין פּאַספּאָרט האָט ער נישט געהאַט. און עסן האָט'ן קיינער נישט געזען, נישט קיין כּשרס, נישט קיין טריפֿהס. גיי, ווייס, וואָס ער איז! מען פֿרעגט'ן: פֿון וואַנען? זאָגט ער: „פֿון פּאַריז"... ווּהין? — „קיין לאָנדאָן!"... ווי קומט איר אַהער? זאָגט ער: „פֿאַרבלאָנדזשעט!"... אַ פּנים, צו פֿוס געגאַנגען! און ווײַזט זיך בײַ קיין מנין נישט, אַפֿילו שבת־הגדול נישט! און שטייט מען צו אים צו, מאַכט מען אַרום אים אַ רעדל, ווערט ער פֿלוצעם נעלם, גלײַך די ערד וואָלט'ן אײַנגעשלונגען, און שווימט־אַרויס אויף יענער זײַט מאַרק.

דערווײַל האָט ער זיך געדונגען אַ סאַלע און אָנגעהויבן צו מאַכן קונצן.

אָבער קונצן! בפֿני קהל ועדה האָט ער געשלונגען ברענענדיקע קוילן, ווי פֿאַרפֿל; און פֿון מויל אַרויסגעצויגן האָט ער אַלערליי בענדער, רויטע, גרינע, וואָס פֿאַר אַ קאָליר מען האָט נאָר געוואָלט, און לאַנגע — ווי׳ס [1] גלות. פֿון אַ כאָלעווע פֿון שטיוול וואַרפֿט ער אַרויס זעכצן פּאָר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס — ווי בערן, און לעבעדיקע, און זיי צעלויפֿן זיך איבער דער סצענע; דערנאָך הייבט ער אויף אַ פֿוס און קראַצט־אָפּ פֿון דער פּאָדעשווע גאָלדענע רענדלעך, אַ גאַנצע שיסל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען „בראַוואָ", גיט ער אַ פֿײַף, לויפֿן זיך אין דער לופֿטן צוזאַמען חלות און קוילעטשן, ווי די פֿייגל, און הייבן־אָן טאַנצן אַ ראָד צי אַ ברוגז־טאַנץ אונטער דער סטעליע. און גיט ער דעם צווייטן פֿײַף, ווערט דאָס אַלץ כהרף־עין פֿאַרשוווּנדן, כלא היה! אויס קוילעטשן, אויס בענדער, אויס אינדיקעס — גאָר נישט!

מילא, ווייסט מען דאָך, אַז „יענער צד" קאָן אויך עפּעס באַווײַזן! די חרטומים פֿון מצרים האָבן מן הסתם גרעסערע קונצן באַוויזן! איז אָבער די שאלה: פֿאַר וואָס איז ער אַליין אַזאַ גרויסער קבצן? אַ מענטש שאַרט רענדלעך פֿון פּאָדעשווע, און האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר דער אכסניא. מיט אַ פֿײַף באַקט ער אָן מער קוילעטשן און חלות ווי דער גרעסטער בעקער, אינדיקעס ציט ער אַרויס פֿון כאָלעווע, און אַ פּנים האָט ער — אַן אויסגעצויגענעם, אַז שענערע לייגט מען אין דער ערד אַרײַן, און דער הונגער ברענט אים אין די אויגן ווי אַ פֿלאַקער! ווערטלט מען זיך: די פֿינפֿטע קשיא צו „מה נשתנה!"...

# The Conjuror

-1-

Once, a conjuror showed up in a small Jewish town in eastern Poland.

And even though he came just before Passover, during the anxious and costly days when a Jew has more worries than hairs on his head, the man's arrival caused a great sensation: What an enigmatic fellow! In shreds and patches, but with a top hat (though crumpled) on his head. A Jewish face—with God's image on his nose, but—clean-shaven. And no identity card, and no one ever saw him eating—not kosher, not Christian. What a mystery! If you asked him: "Where ya from?" he'd say: "Paris." "Where ya goin'?" "London." "Whatcha doin' here?" "Lost my way." He seemed to be traveling on foot. And he never went to synagogue, not even on the Sabbath preceding Passover. And if people started getting pushy and crowded around him, he would melt away as though the earth had gulped him down, and then pop up on the other side of the marketplace.

Meanwhile, he hired an auditorium and began performing his tricks.

And what tricks! In full view of the spectators, he would swallow live coals as though they were noodles, and pull a whole medly of ribbons out of his mouth, red ones, green ones, in all the colors of the rainbow and as long as the Jewish exile. He reached into a boot-leg, and out came sixteen pairs of turkeys, and what turkeys! As big as bears, and alive, and they scurried all over the stage; next, he lifted one foot and scraped golden ducats off the sole, an entire bowlful of golden ducats! The audience cheered; he whistled, and the air was filled with loaves of straight and braided challah flying around like birds, doing a circle dance or a wedding dance beneath the ceiling; and when he whistled again, everything vanished into thin air as though it had never been! Gone were the ribbons, gone were the turkeys—*poof!*

Now we know that black magic can do a thing or two! The wizards of ancient Egypt very likely performed even greater feats. And so the townsfolk wondered: Why was he so poor? A man scrapes ducats off the sole of his boot, and he can't even afford a room at the inn; he merely whistles to bake up more loaves of challah than the biggest baker, he pulls turkeys out of his boot—and yet his face looks like he just stepped out of a coffin, and his eyes are ablaze with hunger. People joked about a fifth Passover question: "Why is this man different . . . ?"

נאָר איידער עס קומט צו „מה נשתּנה“, וועלן מיר איבערלאָזן דעם קונצנמאַכער און איבערגיין צו חיים־יונהן און זיין ווייב רבֿקה־ביילע. חיים־יונה איז אַמאָל אַ וואַלד־סוחר געווען. האָט ער איין מאָל געקויפֿט אַ וואַלד אין „גלייכן געלט“. האָט מען דעם וואַלד פֿאַרמאַכט, איז אַרויס „אין איין העמד“. איז ער געוואָרן „וואַלדשרייבער“, האָט ער די שטעל פֿאַרלוירן. זיצט ער שוין אַ שיינע פּאָר חדשים אָן פּרנסה. אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף שׂונאי־ציון געזאָגט; נאָך ווינטער גייט אָבער פּסח! און פֿאַרזעצט איז שוין פֿון דער הענגלייכטער ביזן לעצטן קישן. זאָגט רבֿקה־ביילע: גיי־אַריבער צו קהל און נעם מעות־חיטים. זאָגט חיים־יונה, אַז ער האָט בטחון, אַז גאָט וועט העלפֿן, און דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצן וועט ער זיך נישט. גייט רבֿקה־ביילע און זוכט נאָך אַ מאָל אין אַלע ווינקעלעך און געפֿינט אַן אַלטן אָפּגעריבענעם זילבערנעם לעפֿל — ממש אַ נס מן השמים, יאָרן זינט דער לעפֿל איז פֿאַרלוירן געוואָרן! גייט חיים־יונה, נעמט דעם לעפֿל, פֿאַרקויפֿט׳ן, און טראָגט־אַריין די פּאָר גראָשן אויף מעות־חיטים פֿאַר אָרעמע לייט. אָרעמע לייט, זאָגט ער, זיינען בילכער. די צייט דערווייל רוקט זיך. שוין אין גאַנצן נישט מער ווי אַ פּאָר וואָכן צו פּסח — ער האָט בטחון! גאָט, זאָגט ער, פֿאַרלאָזט נישט! מילא, רבֿקה־ביילע שווייגט; אַן אשה מוז פֿאָלגן אַ מאַן. עס גייט אָבער אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, רבֿקה־ביילע ווייסט נישט פֿון קיין שלאָף, גראָבט דאָס פּנים אין שעניק [2] אַריין און וויינט שטילערהייט, חיים־יונה זאָל נישט הערן. און אויף פּסח איז קיין צייכן נישטאָ. און טעג האָט זי ערגערע ווי נעכט — ביי נאַכט וויינט זיך אַ מענטש כאָטש אָפּ דאָס האַרץ, ביי טאָג אָבער מוז מען קנייפּן די באַקן, די פֿאַרב זאָל שטיין! שכנות קוקן איר נאָך און גאַפֿן, און קוקן זיך די אויגן אויס, און שטעכן זי מיט רחמנות־בליקן, ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פֿרעגן: ווען באַקט איר מצות? ווי האַלט איר מיט בוראַקעס? די נענטערע זאָגן:

— סטייטש, וואָס טוט זיך מיט אייך, רבֿקה־ביילע?! פֿעלט אייך, וועלן מיר אייך באָרגן, וכדומה...

חיים־יונה וויל אָבער נישט קיין מתּנת בשׂר ודם [3] און רבֿקה־ביילע וועט קעגן איר מאַן נישט גיין — זוכט זי זיך אויס תּירוצים פֿון אונטער דער ערד און דאָס פּנים פֿלאַמט און פֿלאַמט...

זעען די שכנים, אַז עס איז נישט ווי עס דאַרף צו זיין, נעמען זיי און לויפֿן צום רבֿ — סטייטש? דער רבֿ, נעבעך, הערט־אויס, קרעכצט־אָפּ און פֿאַרקלערט זיך, און סוף כּל סוף ענטפֿערט ער, אַז חיים־יונה איז אַ בן־תּורה און אַ ירא־שמים, און אויב ער האָט בטחון, האָט ער!... רבֿקה־ביילע איז אַפֿילו אָן בענטשליכט געבליבן...

און — שוין פּסח!



But before we get to Passover questions, let's leave the conjuror and turn to Jonah and his wife Rebecca. Jonah used to deal in timber; he bought a forest at a good price, but then the government declared it a natural preserve; he lost his shirt. So he got a job as a manager in a lumberyard; but then they laid him off; that was months ago, and he had been out of work ever since. The winter was so awful you wouldn't wish it on your worst enemy; then, on top of everything, came Passover. And they had already pawned all they had, from the ceiling lamp to the very last pillow. So Rebecca said: "Go to the Community Passover Fund and get some money." But Jonah said he had faith, God would help, he didn't want any handouts. Rebecca once again started hunting through every nook and cranny, and up she came with a worn silver spoon—a downright miracle, the spoon had been mislaid for years. Jonah pawned it, and donated the tiny sum to the Passover Fund. The poor, he said, come first. Meanwhile, time went on. Passover was just a few weeks away—he had faith! God, he said, doesn't abandon you! So be it, Rebecca held her tongue; a woman has to obey her husband. But another day wore on, and then another, Rebecca couldn't sleep a wink, she buried her face in the hay mattress and wept silently so that Jonah wouldn't hear; not a thing for Passover. And the days were worse than the nights—at night, you can cry your heart out, but in the daytime you have to put up a front. The neighbors gawked and gaped and goggled, needling her with glances of pity.... Others asked her: "So when are you gonna bake matzohs? How ya doin' with beets?" Those closer to her asked: "What's goin' on with you, Rebecca? If you need anything, we'll lend it to you," and so on.

But Jonah wouldn't accept gifts from anyone, and Rebecca couldn't act against her husband—so she made up all sorts of excuses, and her face grew redder and redder....

The neighbors, realizing things weren't quite in order, hurried over to the rabbi to get him to do something. The rabbi, poor man, heard them out, sighed, pondered, and finally answered that Jonah was a learned and God-fearing man, and if he had faith, then that was that!

Rebecca didn't even have any holiday candles.

And all at once—Passover.

חיים־יונה גייט פֿון בית־המדרש אַהיים, זעט ער, אַז אַלע פֿענצטער אין מאַרק שײַנען־אַרויס מיט שׂמחת־יום־טובֿ און נאָר זײַן דירה שטייט, ווי אַן אָבֿל צווישן מחותּנים, ווי אַ בלינדע צווישן זעענדיקע.

ער פֿאַלט אָבער בײַ זיך נישט אַראָפּ: „אַז גאָט וועט וועלן, וועט נאָך זײַן פּסח!“ — טראַכט ער. ער גייט־אַרײַן און זאָגט פֿריילעך: „גוט יום־טובֿ“, און איז נאָך אַ מאָל מטעים — „גוט יום־טובֿ דיר, רבֿקה־ביילע!“ — און רבֿקה־ביילעס קול ענטפֿערט אים, אָנגעזאַפּט מיט טרערן, פֿון אַ פֿינצטערן ווינקל אַרויס: „גוט יום־טובֿ, גוט יאָר!“ און אירע אויגן ברענען־אַרויס פֿון פֿינצטערן ווינקעלע ווי צוויי ברענענדיקע קוילן. גייט ער צו איר צו און זאָגט איר:

— רבֿקה־ביילע, — זאָגט ער — הײַנט איז יום־טובֿ, יציאת־מצרים, פֿאַרשטייסט? טרויערן טאָר מען נישט! און וואָס איז דאָ צו טרויערן? אויב דער רבונו של עולם האָט נישט געוואָלט, מיר זאָלן האָבן אונדזער פּסח, מוז מען אָננעמען פֿאַר ליב און זײַן בײַ אַ פֿרעמדן סדר. וועלן מיר גיין ערגעץ אַנדערש צום סדר! מען וועט אונדז אַרײַנלאָזן אומעטום... טיר און טויער שטייען אָפֿן... ייִדן זאָגן „כּל דכפֿין ייתי וייכול“, דאָס איז טײַטש, ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַרײַנקומען עסן. קום, נעם אויף דיר די שאַל, וועלן מיר גיין צום ערשטן בעסטן ייִד...

און רבֿקה־ביילע, וואָס טוט שטענדיק דעם רצון פֿון איר מאַן, האַלט־אײַן מיט אַלע כּוחות דאָס געוויין, וואָס רײַסט זיך איר צום האַלדז, נעמט אויף זיך אַ צעריסענע שאַל און וויל שוין גיין — אין דער זעלביקער רגע עפֿנט זיך אָבער די טיר און עמעץ קומט־אַרײַן און זאָגט:

— גוט יום־טובֿ!

ענטפֿערן זיי „גוט יאָר“, נישט זעענדיק ווער עס איז צו זיי אַרײַנגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַרײַנגעקומען:

— איך וויל זײַן אײַער גאַסט צום סדר!

ענטפֿערט חיים־יונה:

— מיר האָבן אַליין קיין סדר נישט...

ענטפֿערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך!

— אין דער פֿינצטער? — האַלט זיך שוין רבֿקה־ביילע נישט אײַן און שליוכצט.

— חלילה! — ענטפֿערט דער אורח — עס וועט זײַן ליכט. און ער גיט אַ מאַך: האָקוס־פּאָקוס! און עס באַווײַזן זיך צוויי פּאָר זילבערנע לײַכטער מיט אָנגעצונדענע סטעאַרין־ליכט, אין מיטן שטוב, אין דער לופֿט! עס ווערט ליכטיק. חיים־יונה און רבֿקה־ביילע דערזעען, אַז דאָס איז דער קונצנמאַכער, און זיי גאַפֿן און קאָנען פֿאַר וווּנדער און שרעק קיין איינציק וואָרט פֿון מויל נישט אַרויסברענגען. זיי כאַפּן זיך איינס דאָס צווייטע אַן בײַ די הענט און שטייען

Jonah, coming home from synagogue, saw that all the windows around the marketplace were bright and festive, only *his* window stuck out like a mourner at a wedding, like a blind man among the seeing. But he refused to despair: "God willing, we'll still celebrate Passover!" he thought to himself. Entering his home, he cheerfully said: "Happy holiday," and then, more emphatically: "A happy holiday to you, Rebecca!" And Rebecca's tear-soaked voice answered from a dark corner: "A happy holiday to *you*, my husband!" And her eyes glowed out of the dark corner like two live coals. He went over to her and said: "Rebecca, today's a holiday, to commemorate the Exodus, don't you see? We mustn't be mournful! And what's there to be mournful about anyway? If God doesn't want us to have our own seder, we'll simply have to make the best of it and go to someone else's. We'll celebrate in some other place. People will take us in all over.... Tonight all doors are open. The Haggadah says: 'Let anyone who is hungry come in and dine.' C'mon, get your shawl, and we'll go to the first house we find."

And Rebecca, who always did her husband's bidding, fought with all her strength to hold back the sobs that were struggling out of her throat; she wrapped herself up in a tattered shawl and was about to set out—but at that very moment, the door opened, and someone walked in and said:

"Happy holiday!"

To which they replied: "The same to you," without seeing who had entered.

And the man who had entered said: "I want to be your seder guest."

Jonah answered: "We're not having a seder."

The guest replied that he had brought the seder along!

"In the dark?" Rebecca let a sob escape.

"God forbid!" answered the holiday guest, "there'll be light." And he waved his hand: Abracadabra. And two pairs of silver candlesticks with burning stearin candles appeared and hovered in the middle of the room. The house became bright. Jonah and Rebecca saw that it was the conjuror, and they gawked and were so amazed and frightened they couldn't utter a single word. They grabbed each other's hands, wide-eyed and gaping. Meanwhile, the conjuror turned to the table, which was standing all neglected in a corner, and said: "Okay, chum, set yourself, and come over here!" And no sooner had he spoken, than a snow white tablecloth dropped from the ceiling and covered the table, and the covered table began to move and slid over to the middle of the room and stopped right beneath the candles, and the silver candlesticks descended and came

מיט אויפגעריסענע אויגן און אפענע מײַלער. דער קונצנמאכער ווענדט זיך דערווײַל צום טיש, וואס איז געשטאנען פארשעמט אין א ווינקעלע, און זאגט צו אים:

— נו, בחורל, באדעק דיך און קום אהער!

און אזוי ווי ער זאגט ארויס, פאלט פון סטעליע אויפן טיש אראפ א שניי־ווײַס טישטעך און באדעקט אים, און דער באדעקטער טיש הייבט זיך אן רירן, און גייט און קומט אין מיטן שטוב ארײַן, און פארהאלט זיך פונקט אונטער די ליכט, און די זילבערנע לײַכטער לאזן זיך נידעריקער אראפ און שטעלן זיך אנידער אויפן טיש.

— אצינד — זאגט דער קונצנמאכער — פעלן נאר הסבעטן, — זאלן זײַן הסבעטן[4]!

גייען דרײַ בענקלעך, פון דרײַ עקן פון שטוב, און גייען־צו צום טיש און שטעלן זיך אויף זײַנע דרײַ זײַטן. הייסט ער, דער קונצנמאכער, זיי זאלן ברייטער ווערן, ציען זיי זיך אויס אין דער ברייט און עס ווערט פון זיי פאטערשטולן. רופט ער אויס:

— ווייכער! — באדעקן זיי זיך מיט רויטן סאמעט און תוך כדי דיבור פאלן אויף זיי פון סטעליע אראפ ווײַסע, שניי־ווײַסע קישנס און לייגן זיך, אויפן קונצנמאכערס געבאט, אויף די פאטערשטולן און — עס ווערן הסבעטן! אויף זײַן געבאט באווײַזט זיך אויך א קערה מיט מינים און שטעלט זיך אויפן טיש. עס באווײַזן זיך אויך רויטע כוסות מיט פלעשער ווײַן און מצות, און אלץ וואס מען דארף צו א כשרן און פריילעכן סדר, אפילו הגדות מיט א גאלדענעם שניט.

— און וואסער צו וואשן האט איר? — פרעגט דער קונצנמאכער — איך קאן ברענגען וואסער אויך!

דעמאלט האבן זיי זיך ערשט אויפגעכאפט פון גאפן. און רבקה־ביילע פרעגט חיים־יונהן אויפן אויער:

— מעג מען? וואס?

און חיים־יונה ווייסט איר נישט וואס צו ענטפערן. ראט זי אים:

— גיי, מײַן מאן, און פרעג דעם רב.

ענטפערט ער, אז ער קאן זי מיטן קונצנמאכער אליין נישט איבערלאזן. וויל ער, זי זאל גיין. זאגט זי, אז א נארישער ייִדענע וועט דער רב נישט גלייבן, ער וועט מיינען, אז זי איז פון זינען אראפ. גייען זיי ביידע צום רב און לאזן־איבער דעם קונצנמאכער מיטן סדר.

האט דער רב געזאגט, אז דאס, וואס ווערט געמאכט מיט כישוף, האט קיין ממשות נישט, ווארעם כישוף איז נאר א פארבלענדעניש פאר די אויגן. הייסט ער זיי אהיימגיין און, אויב די מצה וועט זיך לאזן אפברעכן, דער ווײַן — גיסן אין די כוסות ארײַן און די קישנס פון הסבעט — אנטאפן, וכדומה, איז גוט... איז עס מן השמים, מעגן זיי געניסן.

to rest on the table. "And now," said the conjuror, "all we need is Passover seats—so let there be Passover seats!" And three chairs, from three corners of the room, marched over to the table and stationed themselves on three sides. The conjuror ordered them to grow wider, and so they widened out and turned into easy chairs. He called out: "Softer!"—And they covered themselves with red velvet, and, presto, white, snow white cushions came down from the ceiling, and, at the conjuror's command, plopped upon the easy chairs—which turned into Passover seats. At his bidding, a Passover plate with the seder paraphernalia also emerged and came to rest on the table, followed by red goblets with bottles of wine, and matzohs, and everything you need for a proper and merry seder, including gilt-edged Haggadahs.

"Do you have water to wash with?" asked the conjuror. "I can bring water, too!"

It was only now that they recovered from their astonishment. And Rebecca whispered to Jonah: "Is it all right? What do you think?" But Jonah didn't know what to say. So she advised him: "Go, husband, and ask the rabbi." But he replied that he couldn't leave her alone with the conjuror. He wanted her to go instead. But she said that the rabbi wouldn't believe a mere woman, he'd think she was out of her mind. So the two of them went to the rabbi, leaving the conjuror behind with the seder.

The rabbi said that anything fabricated by sorcery has no substance, because sorcery is merely an optical illusion. He told them to go home, and if they could break the matzohs and pour the wine into the goblets and feel the cushions on the seats, etc., then fine . . . it was all from God, and they could enjoy it.

That was the rabbi's verdict. And so, their hearts pounding, they went home. When they came in, the conjuror was gone, and the seder was just as they had left it. They could feel the cushions, pour the wine, and break the matzohs . . . . And only now did they realize that their visitor was the Prophet Elijah, and so they had a merry holiday.

trans. by Joachim Neugroschel in Yenne Velt: The Great Works of Jewish Fantasy and the Occult

אַזוי האָט דער רבֿ געפּסקנט. גייען זיי מיט האַרצקלאַפּעניש אַהיים. קומען זיי אַרײַן, איז דער קונצנמאַכער שוין נישטאָ און דער סדר שטייט ווי ער איז געשטאַנען. די קישנס לאָזן זיך אָנרירן, דער וויַין גיסט זיך, די מצות ברעכן זיך... האָבן זיי ערשט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אליהו הנבֿיא, און האָבן געהאַט אַ פֿריילעכן יום־טובֿ.



מאַרק שאַגאַלס אַן אילוסטראַציע צו
י. ל. פּרצעס „קונצנמאַכער"